בעזהי"ת


שלום יהודה גראס

רב דקהל „מגן שאול"

ור"מ בישיבה וכולל בית ישעי",

ברוקלין, ניו יארק

RABBI SHOLOM J. GROSS

4711 — 12th Avenue

Brooklyn, N. Y. 11219

Tel. 436-8086

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל

נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י,

ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.

בעמח"ס נפש ישעי' על מאכלות אסורות (ה"ח), חזון ישעי' על הלכות שחיטה (ב"ח), אמר' שלום על הלכות טריפות, דברי יהודה על הל' ניקור, מנחת יהודה על חומר איסור חלב עכו"ם, מדריך לצניעות על עניני צניעות, חינוך ישראל סבא על עניני חינוך.


צו אונזערע חשובע ברידער הי"ו.

מיר קומען צו אייך מיט א ביטע.

בייגעלייגט וועט איהר טרעפען דעם קונטרס „מנחת יהודה" וואס איז געווידמעט אויף די הארכקייט פון ניצען „חלב עכו"ם" און „סימילאק", ווי אויך אויף די געוואלדיגע מכשולות היינטיגע צייטען ביי די פארשידענע השגחות וואס דער עולם פארלאזט זיך.

אויך וועט איהר געפונען אין דעם קונטרס דברי התעוררות אויף פסח, נישט צו ניצען קיין שום געקויפטע מאכלים נור צי מאכען אלעס אליין, אזוי ווי מען האט זיך געפירט אין דער אלטער היים.

ווייטער ווערט באשריבען די הארבקייט פון פיהרען זיך בצניעות, וואס בעווה"ר אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתא, הפרץ מרובה על העומד, און צוליב דעם וואס מען איז נישט נזהר אין די ענינים פון כשרות און צניעות, האבען זיך אויף אונז לעצטענס א גאס געטוהן פיהלע אומגליקען ל"ע, הן ביי ערוואקסענע, הן ביי קליינע קינדער, וואס יעדער זעהט כחוש די השגחה עליונה וואס פירט די וועלט מיט גערעכטיקייט, מען זעהט באשאנפערליך אז די וועלט איז נישט הפקר, אלעס ווערט געפירט פון הימעל מיט א פינקטליכען חשבון. אזוי ווי די חז"ל זענען מעיד אז די אומגליקן פון קליינע קינדער ל"ע איז נישט מחמת זייערע אייגענע זינד נור בעון הדור (פון די זינד פון ערוואקסענע).

ע"כ כל אחד יחוש לנפשו זיך צו בארעכענען באצייטענס תשובה צו טוהען. וואס דאס באדייט לויט ווי דער רמב"ם שרייבט (הלכות תשובה) א פעסטען באשלוס אויף ווייטער זיך אויפצופיהרען אופן יודישען וועג אזוי ווי מיר האבען מקבל געווען דור אחר דור, פון מתן תורה, דאס מיינט זיך מיט די קינדער אנצוקליידען שטארק בצניעות, אכטונג געבען מיטן גרעסטען מעגליכקייט וואס מען נעמט אריין אין מויל אדער מען גיט פאר די קינדער צו עסען זאל זיין הונדערט פראצענט כשר אן קיין שום ספיקות אדער חששות, און טאקע דערפאר האבען מיר געזען פאר וויכטיג צו דרוקען אט דעם קונטרס. אז דאס זאל זיין א ליבע זייל צו באלייכטען דעם וועג ווי אזוי צוצוקומען צו די אויבענדערמאנטע זאכען. און מיר האפען אז מיט השי"ת'ס הילף וועט דער קונטרס האבען דעם ריכטיגען ערפאלג, און זיין אגרויס געהילף סיי פאר די וואס זענען נאכגעלאזט אין די אויבענדערמאנטע פרטים, סיי פאר די וואס זענען נכשל געווארען מחמת חסרון ידיעה.

אין דעם זכות וועט השי"ת העלפען אז קיין שום יודיש קינד זאל נישט וויסען פון קיין שום צער וצרות, נישט אויף די וועלט, און נישט אויף יענע וועלט, און מיר וועלען אלע אין גיכען אויסגלייזט ווערען אמן.

דאס צוזאמען שטעלען אזא קונטרס האט געפאדערט פיהל מיה און ענערגי, און חוץ דעם זענען געוואלדיג די הוצאות הדפוס, וואס ווי באקאנט פאר יעדען זענען די פרייזען פון זעצען, דריקען,ביינדען, און פאסט שפעזען, די לעצטע פאר יאר געשטיגען מעהר ווי דאפעלט וואס דאס איז ווייט איבער אונזערע מעגליכקייט צו דעקען.

ע"כ ווענדען מיר זיך צו אייך שטיצט אונזער ארבעט מיטן גאנצן יכולת און העלפט אונז ארויס. מיר זאלען קענען ווייטער אנגיין מיט אונזער ארבעט. דורך דעם וועט איהר אויך האבן א חלק אין זכות הרבים.

עס איז שוין מוכן לדפוס נאך 3 קונטרסים.

1) קונטרס „אפיית המצות" א ליקוט פון ספרי אחרונים אויף א מסודר'דיגען אופן די פארשידענע הלכות און מנהגים ביים באקען מצות.

2) קונטרס „מזכה הרבים". א ליקוט אויף דעם געוואלדיגען ענין פון צו העלפען מזכה הרבים זיין, בפרט בדורינו וואס איז רגע בלא פגע ונגע, וואס די פירצות און מכשולות שטייגען טאג טעגליך.

3) קונטרס „דיני דגים ותולעים" אויף דעם חומר הענין אכט צו געבען פון ווערים, וואס איז זייער שכיח ביי פרוכט און גרינס אין ניסלעך, בפרט זימער, די זעלבע ביי פיש וואס ווערען פארקויפט אלץ כשר אין חרידישע סטארס.

ע"כ בעטען מיר זיך אנצושטרענגען און צוצוהעלפען איבערן יכולת, וואס דאס טוט אונץ ערמעגליכען אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, וואס האט שוין אין די פארגאנגענהייט אפגעראטעוועט טויזנטער אידען פון מאכלות אסורות, און האט אריינגעברענגט וואכזאמקייט אין דעם ברייטען חרידישען ציבור אינעם פעלד פון כשרות אז טאקע אין אמעריקע טראץ דעם וואס אלעס ווערט אפגעזיגעלט „כשר למהדרין" פון דעסטוועגען דאך איז דא סך מאל גרויסע ספיקות אויב דאס איז טאקע כשר? און אפילו ווען יא אויב דאס איז פאר א מדקדק במצות אויך געמאכט צו נוצען.

אין זכות פון אייער מיט הילף וועט אייך השי"ת העלפען מיט בני סמיכי, חיי אריכא, ומזוני רויחא, בסייעתא דשמיא, יודיש נחת, ברכה און הצלחה, אין אלע אינזיכטען, און מיר וועלען בקרוב זוכה זיין בע"ה פטור צו ווערען פון אלע צרות, און עול גליות, און זוכה זיין בקרוב מקבל צו זיין פני משיח צדקינו בב"א.

יום א' ערב שבועות לס' „ואתם תהיון לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" מ"ט
למטמוניות תשל"ג לפ"ק

ה"ק שלום יודא גראס

נ.ב. וויכטיג פאר די עלטערן וואס האבען געפיטערט די קינדער מיט „סימילאק" און אנדערע „חלב עכו"ם" נישט וויסענדיג די הארבקייט דערפון ברענגען מיר אינעווייניג אין קונטרס בשם די ספרים הקדושים אז דער תיקון אויף דעם איז צו זעהן אנדערע זאלען דאס נישט טוהען, און צו דעם קענט איהר יעצט צוקומען מיט דעם וואס איהר שטיצט אונזער ארבעט וואס דארף דינען מיט השי"ת'ס הילף דעם צוועק.

הנ"ל